גוט שבת אלע אידן. הרב שלמה חיים גראוסקין ז"ל איז געווען דער רב פון דעם קהל בני ציון אין דעטרויט מישיגאן פאר אסאך יארן, ביז זיין הסתלקות אין תשס"ד. איין טאג האט רב גראוסקין באקומען א טעלעפאן קאל פון א מענטש וואס איז געווען זייער נארוועיז. יענער, וואס האט געהייסן שמעון האט באקומען א ספאידאינג טיקעט און ער האט גערופן רב גראוסקין פאר עצות. רב גראוסקין האט נישט אזוי גוט פארשטאנען פארוואס שמעון איז געווארן אזוי נארוועיז וועגן דעם.

"נישט געפערליך," האט רב גראוסקין געזאגט, "איך קען איינעם וואס ארבעט אין דעם טראפיק קורט, אפשר קען ער דיר העלפן."

"עס איז נישט אזוי פשוט," האט שמעון געזאגט, "זיי וועלן אוועקנעמען מיין לייסענס!" רב גראוסקין האט געגעבן שמעון דעם טעלעפאן נאמבער פון איינער וואס האט געהאט פראקטציע, וואס האט אים אפשר געקענט העלפן.

שמעון האט צוריקגערופן א שטיק צייט שפעטער זאגענדיק, "רב גראוסקין, איך האב א גרויסע פראבלעם... קיין אדוואקאט וויל נישט נעמען מיין קייס!" שמעון איז טאקע געווען אין א שווערע מצב, ווייל זיין פרנסה איז תלוי געווען אויף ארומפארן פארקויפן סחורה. אהן א לייסענס, וועט ער נישט קענען ארבעטן. רב גראוסקין האט מסכים געווען מיטצוקומען צום קורט צו העלפן שמעון.

אויפן וועג צום קורט אין די טאג פונעם משפט, האט רב גראוסקין געזאגט תהלים. אינמיטן תהלים זאגן האט שמעון, וואס איז זייער אומרוהיג געווען, אנגעהויבן צו פרעגן אלע מיני שאלות... "וואס וועסטו זאגן צו דעם דזשאדזש? וואס וועסטו זאגן...?" רב גראוסקין האט געענדיגט א פרק, און ער האט געענטפערט שמעון. "די אמת איז... אז איך האב עס נישט דורכגעטראכט... די ווערטער וואס דער אייבערשטער וועט מיר געבן, גיי איך זאגן פארן דזשאדזש." שמעון איז געווארן נאך מער נארוועיז, און רב גראוסקין האט געדארפט אים בארוהיגן דעם גאנצן וועג צום קורט.

סוף כל סוף זענען זיי אנגעקומען. רב גראוסקין מיט שמעון האבן לאנג געווארט. זיי זענען געווען די לעצטע מענטשן אין דעם קורט ווען דער דזשאדזש האט אויסגערופן שמעון'ס נאמען. שמעון מיט רב גראוסקין זענען צוגעגאנגען צו שטייען אין פראנט פונעם דזשאדזשעס.

איינער פון די דזשאדזשעס וואס האט געהייסן "שווארץ," האט געפרעגט רב גראוסקין צי ער איז שמעון'ס לאייר. "ניין, איך בין א ראביי. שמעון גלייבט אז נאר ג-ט קען אים העלפן אין אזא מצב, וועגן דעם האט ער מיטגעברענגט א ראביי!" די דזשאדזשעס האבן געלאכט און זיי האבן געלאזט רב גראוסקין בלייבן דארט, כאטש אז געוויינטליך טארען נישט שטייען אנדערע מענטשן פאר די דזשאדזשעס.

דאן האט דער דזשאדזש שווארץ געבעטן אז שמעון זאל שווערן אז ער גייט זאגן די אמת. רב גראוסקין האט אריינגעהאקט און געזאגט אז א איד טאר נישט שווערן. דאן האט דער דזשאדזש שווארץ געבעטן אז שמעון זאל אראפנעמען זיין קאפעל. רב גראוסקין האט נאכאמאל אריינגעהאקט און ער האט מסביר געווען אז א איד מוז טראגן א קאפעל איבעראל וואו ער גייט.

"איך בין א איד," האט דער דזשאדזש שווארץ געזאגט, "און איך האב קיינמאל נישט געהערט דערפון, אז מען מוז גיין איבעראל מיט א קאפעל."

"דו ביסט א איד?!?" האט רב גראוסקין געפרעגט מיט א תמיהה, "דו ביסט א איד, און דו האסט קיינמאל נישט געהערט פון א יארמולקע?!?" אפילו דער צווייטער דזשאדזש וואס איז געווען א גוי, האט זיך געדרייט צו דעם דזשאדזש שווארץ און געפרעגט, "וואס פאר א איד ביסטו?!?"

"רבותי, מיט אייער רשות, גיי איך מסביר זיין דעם ענין פון א קאפעל.... "יארמולקע" איז א ווארט וואס איז געמאכט געווארן פון צווי ווערטער "ירא-אלוקים," דער באשעפער האט באשאפן די וועלט..." דאן האט רב גראוסקין אנגעהויבן צו זאגן א דרשה פאר בערך א שעה. די דזשאדזשעס האבן אלעס צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. שמעון האט נישט געוואוסט וואס גייט פאר, אבער ווי לאנג די דזשאדזשעס האבן נישט אוועקגענומען זיין לייסענס, איז ער נאך געבליבן רוהיג.

נאכדעם וואס רב גראוסקין האט געענדיגט, האט דער דזשאדזש געזאגט, "יישר כחך פאר דיינע ווערטער, זייער אינטערעסאנט איז עס געווען. אבער, וואס קען מען טון? נאך אזוי סאך טיקעטס מוז מען צונעמען די לייסענס!"

רב גראוסקין האט אנגעהויבן צו מסביר זיין אז שמעון האט געדארפט זיין לייסענס פאר פרנסה. אבער, די דזשאדזשעס האבן געהאלטן פעסט. דאן האט רב גראוסקין געמאכט א חשבון פאר די דזשאדזשעס. "עס זענען זעקס און פופציג שעה וואס מען שלאפט אין א וואך, בערך זעכציג שעה וואס מען ארבעט, און נאך אכט און צוואנציג שעה פאר אנדערע זאכן וואס מען דארף טון אין לעבן... מיט דעם חשבון זענען געבליבן פיר און צוואנציג שעה וואס שמעון דארף נישט זיין קאר. אויב אזוי, אפשר זאלט איר אוועקנעמען זיין לייסענס פאר איין טאג א וואך! מיט דעם קען שמעון ווייטער ארבעטן און האבן ברויט אין שטוב."

די צווי דזשאדזשעס האבן עס דורכגעשמועסט אפאר מינוט, דאן האבן זיי געזאגט, "שמעון, די מעגסט האלטן דיין לייסענס זעקס טעג א וואך. אבער איין טאג א וואך, אין שבת, טארסטו נישט פירען דיין קאר. טאמער דו וועסט איין מאל געכאפט ווערן דרייווען אין שבת, וועסטו קיינמאל נישט דרייווען נאכאמאל אין דיין לעבן." שמעון האט געזאגט אז ער פארשטייט און ער איז מסכים.

"זעסטו שמעון?" האט רב גראוסקין געזאגט. "דער אייבערשטער האט מיך געגעבן די ריכטיגע ווערטער! און דער אייבערשטער פירט די וועלט!"

די וואך ליינט מען וועגן יעקב אבינו ע"ה'ס לעצטע טעג אויף די וועלט. ווען יעקב אבינו האט געהאלטן ביי נסתלק ווערן, האט ער געבעטן פון יוסף הצדיק, "ועשית עמדי חסד..." – און איר זאלט טון חסד מיט מיר. ווייסט מען אז די תורה איז נצחיות. וועגן דעם קען מען אפשר זאגן אז יעקב אבינו'ס באפעל איז נישט נאר געזאגט געווארן צו זיין זון יוסף הצדיק, נאר, עס איז אויך שייך צו אונז, וואס זענען אלע "בני ישראל." אויב אזוי קומט אויס אז יעקב אבינו ע"ה האט אונז באפעלט צו טון חסד. דורך טון חסד פאר יענעם אזוי ווי רב גראוסקין האט געטון, קענען מיר אלע באשאפן מליצי יושר אין דעם גרויסן משפט אין הימעל! גוט שבת אלע אידן.

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף טויב הי"ו לרגל שמחת אירוסי בתו בשעטומ"צ
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוב בער בן רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**